בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

גִּלָּיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינוּךְ

אִידִישׁ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת און הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים און מְחַנְּכוֹת

גליון קמ"ז

מוסדות היכל הקודש ברסלב

פרשת ויק"פ
שנת תשפ"ו

## שִׁיעוּרִים אִין חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

### - נָאכְאַמָאל און נָאכְאַמָאל -

#### קִינְדֶער הֶערְן נִישְׁט בַּיים עֶרְשְׁטְן מָאל

מְחַנְּכִים דַארְפְן וִויסְן אַ וִויכְטִיגֶע יְסוֹד, מֶען קֶען גָארְנִישְׁט אוֹיפְטוּן וֶוען מֶען זָאגְט עֶפֶּעס פַאר קִינְדֶער אֵיין מָאל, צְוֵויי מָאל און אֲפִילוּ דְרֵיי מָאל. אוֹיבּ מֶען וִויל פּוֹעֵלְ'ן בַּיי קִינְדֶער זִיךְ צוּ טוֹישְׁן זֵייעֶרֶע שְׁוֶוערֶע נַאטוּרְן, דַארְף מֶען רֶעדְן צוּ זֵיי אָן אַ שִׁיעוּר מָאל, נָאכְאַמָאל און נָאכְאַמָאל און נָאכְאַמָאל, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן אַז דִי וֶוערְטֶער וֶועלְן אַרַיינְגֵיין אִין זֵייעֶרֶע הֶערְצֶער און זֵיי וֶועלְן זִיךְ אוֹיפְפִירְן וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

מֶען קֶען נִישְׁט פָארְהַאלְטְן אַ קִינְד: **"אִיךְ הָאבּ דִיר דָאךְ שׁוֹין אַזוֹיפִיל מָאל גֶעזָאגְט, דוּ הֶערְסְט נִישְׁט וָואס מֶען רֶעדְט צוּ דִיר? דוּ הָאסְט טוֹיבֶּע אוֹיעֶרְן? זָאל אִיךְ דִיר טְרָאגְן צוּם דָאקְטֶער עֶר זָאל דִיךְ אוֹיסְפִּיצְן דַיינֶע אוֹיעֶרְן?"** וַוייל דָאס זֶענֶען קִינְדֶער; קִינְדֶער הֶערְן נִישְׁט בַּיים עֶרְשְׁטְן מָאל, מֶען דַארְף זֵיי אִיבֶּערְזָאגְן יֶעדֶע זַאךְ נָאכְאַמָאל און נָאכְאַמָאל.

#### וָואס אִיז דֶער וֶועג פוּן חִינוּךְ?

אִיךְ זֶע דָאס יֶעדֶע נַאכְט בַּיי מִיר אִין שְׁטוּבּ, און יֶעדֶער קֶען דָאס זֶען בַּיי זִיךְ אִין שְׁטוּבּ. וֶוען מֶען הֵייסְט קִינְדֶער זִיךְ אָנְגְרֵייטְן נֶעגְל וַואסֶער, אַרַיינְגֵיין אִין בֶּעט און לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע, גֵייעֶן דִי קִינְדֶער אַרַיין אִין בֶּעט אָן נֶעגְל וַואסֶער און אָן לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע, מֶען דַארְף זֵיי דֶערְמַאנֶען אַ צְוֵוייטֶע מָאל: **"גְרֵייט אָן נֶעגְל וַואסֶער און לֵיין קְרִיאַת שְׁמַע"**, דֶערְנָאךְ גֵייעֶן זֵיי אַרוֹיס פוּן בֶּעט, זֵיי בְּרֶענְגֶען נֶעגְל וַואסֶער און זֵיי גֵייעֶן צוּרִיק אַרַיין אִין בֶּעט צוּ זֵייעֶרֶע שְׁפִּילְצֵייג אָדֶער בִּיכֶער, און מֶען דַארְף זֵיי זָאגְן אַ דְרִיטֶע מָאל: **"לִיכְטִיגְקֵייט, זִיסְקֵייט, לֵיין שֵׁיין קְרִיאַת שְׁמַע"**, און נָאר דַאן לֵיינֶען זֵיי קְרִיאַת שְׁמַע.

וַוייל דָאס אִיז דֶער וֶועג פוּן חִינוּךְ, מֶען זָאל אִיבֶּערְזָאגְן אַ זַאךְ נָאכְאַמָאל און נָאכְאַמָאל, און נָאכְדֶעם וַוייטֶער נָאכְאַמָאל און נָאכְאַמָאל.

אַסַאךְ מָאל קֶען שׁוֹין אוֹיסְקוּקְן אוֹיף אַ גֶעוִויסֶע עִנְיָן אַז דָאס הָאט מֶען שׁוֹין זִיכֶער גֶע'פּוֹעֵלְ'ט בַּיי דִי קִינְדֶער, בִּיז דֶערְוַוייל שְׁטֶעלְט זִיךְ אַרוֹיס אַז מֶען הַאלְט נָאךְ בַּיי אַלֶף... און מֶען דַארְף זִיךְ שְׁטַארְקְן און עֶס וִוידֶער אִיבֶּערְזָאגְן.

#### אַ הַבְטָחָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז צוּם סוֹף פּוֹעֵלְ'ט מֶען

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי פוּן סַאטְמֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט: **"וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ: 'דַבֵּר אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל', עֶר זָאל גֵיין רֶעדְן צוּ דִי אִידְן, לִיגְט אִין דֶעם אַ הַבְטָחָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דִי אִידְן וֶועלְן אָנְנֶעמֶען וָואס מֶען רֶעדְט צוּ זֵיי"**. עֶס מֵיינְט נִישְׁט אַז דִי אִידְן וֶועלְן גְלַייךְ אָנְנֶעמֶען וָואס מֶען זָאגְט, אָבֶּער אוֹיבּ מֶען וֶועט עֶס אִיבֶּערְזָאגְן נָאכְאַמָאל און נָאכְאַמָאל - וֶועלְן עֶס דִי אִידְן זִיכֶער אָנְנֶעמֶען.

מֶען קֶען נִישְׁט אִיבֶּערְזָאגְן אַ זַאךְ יֶעדֶעס מָאל אוֹיפְן זֶעלְבְּן אוֹפָן, מֶען דַארְף עֶס אַרוּמְדְרֵייעֶן יֶעדְן מָאל אוֹיף אַן אַנְדֶערְן אוֹפָן, אַמָאל דַארְף מֶען זַיין מֶער שְׁטְרֶענְג און אַמָאל מֶער שְׁמֵייכְלְ'דִיג, אַמָאל דַארְף מֶען מַאכְן אַ פְּרָאגְרַאם פַאר דִי קִינְדֶער וָואס צֵייכֶענֶען זִיךְ אוֹיס, און אַמָאל דַארְף מֶען אַרַיינְקוּמֶען צוּ דִי קִינְדֶער און זָאגְן: **"מֶען פַארְשְׁלִיסְט דֶעם פְּרָאגְרַאם, וַוייל אִיךְ זֶע אַז גֶעוִויסֶע קִינְדֶער פִירְן זִיךְ נִישְׁט אוֹיף וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין"**, דָאס אִיז אַלֶעס גוּט אַרוּמְצוּדְרֵייעֶן מִיט דִי קִינְדֶער אַהֶער און אַהִין, אָבֶּער בַּיי זִיךְ אִין קָאפּ דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶען אַז דָאס זֶענֶען נָאר מִיטְלֶען וִוי אַזוֹי עֶס אִיבֶּערְצוּזָאגְן יֶעדֶעס מָאל אוֹיף אַן אַנְדֶערְן אוֹפָן, אָבֶּער בֶּאֱמֶת זֶענֶען דִי קִינְדֶער נִישְׁט שְׁלֶעכְט, וַוייל אַזוֹי קוּמְט עֶס מֶען זָאל אִיבֶּערְזָאגְן פַאר קִינְדֶער יֶעדֶע זַאךְ נָאכְאַמָאל און נָאכְאַמָאל, און צוּם סוֹף גֵייט מֶען פּוֹעֵלְ'ן.

#### דֶערְמַאנֶען דִי קִינְדֶער נִישְׁט צוּ רֶעדְן בַּיים דַאוֶונֶען

אִיךְ בְּרֶענְג מַיינֶע קִינְדֶער שַׁבָּת אִין שׁוּל פוּן דִי דְרֵיי יָאר; קוֹדֶם הֵייבּ אִיךְ אָן נָאר מִיט אֵיין תְּפִלָּה, צוּבִּיסְלֶעךְ בְּרֶענְג אִיךְ זֵיי צוּ נָאךְ אַ תְּפִלָּה און נָאךְ אַ תְּפִלָּה, בִּיז וֶוען זֵיי וֶוערְן פִינְף זֶעקְס יָאר בְּרֶענְג אִיךְ זֵיי שׁוֹין אִין שׁוּל צוּ אַלֶע תְּפִלּוֹת. בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז אִיךְ בְּרֶענְג פִיר פִינְף קִינְדֶער אִין שׁוּל צוּם דַאוֶונֶען און אַלֶע שְׁטֵייעֶן אַרוּם מִיר, און זֵיי וֶוערְן שְׁנֶעל פַארְשְׁמוּעֶסְט אֵיינֶער מִיטְן אַנְדֶערְן אִינְמִיטְן דַאוֶונֶען, דַארְף אִיךְ

זַיי כְּסֵדֶר דֶערְמַאנֶען: **"מֶען טָאר נִישְׁט רֶעדְן אִינְמִיטְן דַאוֶוענֶען", "מֶען טָאר נִישְׁט רֶעדְן אִינְמִיטְן קַדִּישׁ"**. אֲפִילוּ צוּ מַיינֶע קִינְדֶער וָואס הָאבְּן שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט קֶען אִיךְ נָאךְ אוֹיךְ אַמָאל ווִינְקֶען מִיט מַיין פִינְגֶער אוֹיפְן מוֹיל, צוּ דֶערְמַאנֶען נִישְׁט צוּ רֶעדְן אִינְמִיטְן קַדִּישׁ וְכַדוֹמֶה.

אִיךְ וֶוער נִישְׁט גֶערֶעגְט וֶוען אִיךְ דַארְף עֶס אַזוֹיפִיל מָאל אִיבֶּערְזָאגְן, וַוייל אִיךְ גֶעדֶענְק ווִי מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א הָאט מִיר אוֹיךְ גֶעדַארְפְט דֶערְמַאנֶען אַלְס קִינְד נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל אַז מֶען טָאר נִישְׁט רֶעדְן צוּ אַנְדֶערֶע קִינְדֶער אִינְמִיטְן דַאוֶוענֶען, אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען אֲפִילוּ אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ בֶּן יָחִיד, וַוייל נָאךְ מִיר הָאבְּן מַיינֶע עֶלְטֶערְן גֶעבּוֹירְן טֶעכְטֶער, הָאבּ אִיךְ דָאךְ נִישְׁט גֶעהַאט אַזַא שְׁטַארְקֶע נִסָּיוֹן צוּ רֶעדְן בַּיים דַאוֶוענֶען ווִיבַּאלְד אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט נָאךְ אַ בְּרוּדֶער נֶעבְּן מִיר, פוּן דֶעסְט וֶועגְן הָאט עֶר מִיר זִיכֶער דֶערְמַאנְט צוּם וֵוייִנִיגְסְטְנְס טוֹיזְנְט מָאל דוּרְכְאוֹיס מַיינֶע קִינְדֶער יָארְן אִיךְ זָאל נִישְׁט רֶעדְן צוּ אַנְדֶערֶע קִינְדֶער אִינְמִיטְן דַאוֶוענֶען, אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז וֶוען מֶען קוּמְט אִין שׁוּל מִיט עֶטְלִיכֶע קִינְדֶער אִינְאֵיינֶעם וָואס דִי נִסָּיוֹן צוּ רֶעדְן בַּיים דַאוֶוענֶען אִיז פִיל שְׁטֶערְקֶער, דַארְף מֶען זַיי דֶערְמַאנֶען נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, אָן אוֹיפְהֶער, בִּיז דִי וֶוערְטֶער וֶועלְן זִיךְ צוּזַאמְנֶעמֶען אוּן פּוֹעֵלְ'ן בַּיי זַיי.

## אוֹיסְלֶערְנֶען גוּטֶע מִדוֹת נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל

מֶען זֶעט וֶוען מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעפִירְט דִי אִידְן אִין מִדְבָּר הָאט עֶר זִיךְ זַייעֶר גֶעמוּטְשֶׁעט מִיט זַיי, יֶעדֶעס מָאל וֶוען עֶפֶּעס הָאט זַיי גֶעפֶעלְט זֶענֶען זַיי גֶעקוּמֶען מִיט טַעֲנוֹת קֶעגְן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, אִים בַּארֶעדְט אוּן חוֹזֶק גֶעמַאכְט פוּן אִים (עַיֵּין קִידּוּשִׁין לג: וּבְרַשִׁ"י דִּבּוּר הַמַּתְחִיל כְּדְאִיתָא). אֵיי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט זַיי דָאךְ אַלֶעס גֶעגֶעבְּן, עֶר הָאט זַיי אַרוֹיסְגֶעצוֹיגְן פוּן מִצְרַיִם, גֶעשְׁפָּאלְטְן דֶעם יַם, אוּן זַיי גֶעגֶעבְּן אַלֶעס גוּטְס; מָן פוּן הִימְל, עֲנָנֵי הַכָּבוֹד וָואס הָאט גֶעוַואשְׁן זַייעֶר וֶועשׁ אוּן גֶעמַאכְט גֶעשְׁמַאק דִי וֶועג, זַיי הָאבְּן גֶעשְׁפִּירְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, גֶעזֶען יֶעדְן טָאג נִיסִים, אוּן נָאכְאַלְץ פִירְן זַיי זִיךְ אַזוֹי אוֹיף?! אָבֶּער מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעווּאוּסְט אַז אַזוֹי קוּמְט עֶס, אוֹיבּ מֶען ווִיל עֶפֶּעס פּוֹעֵלְ'ן בַּיי אַ צְוֵוייטְן פֶעלְט אוֹיס עֶס אִיבֶּערְצוּזָאגְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, אוּן נִישְׁט וֶוערְן בְּרוֹגֶז וֶוען מֶען זֶעט אִין אָנְהֵייבּ ווִי דִי וֶוערְטֶער טוּעֶן נִישְׁט אוֹיף.

דָאס זֶעלְבֶּע דַארְף מֶען טוּן וֶוען מֶען לֶערְנְט אוֹיס פַאר קִינְדֶער גוּטֶע מִדוֹת אוּן דֶערְנָאךְ הֶערְט מֶען זִיךְ אוּנְטֶער ווִי דִי קִינְדֶער זֶענֶען בְּרוֹגֶז אוּן זַיי שְׁמוּעֶסְן צְווִישְׁן זִיךְ שְׁטִילֶערְהֵייט אוֹיף דֶער מְלַמֵּד אָדֶער דִי לֶערֶערִין: **"דֶער רֶבִּי אִיז אַן עֶקְלְדִיגֶער רֶבִּי", "דִי לֶערֶערִין אִיז אַן עֶקְלְדִיגֶע לֶערֶערִין"**, מֶען דַארְף ווִיסְן אַז עֶס הָאט גָארְנִישְׁט פַּאסִירְט, מֶען דַארְף וַוייטֶער לֶערְנֶען מִיט זַיי אוּן צוּבִּיסְלֶעךְ וֶועלְן זַיי זִיךְ אוֹיסְלֶערְנֶען ווִי אַזוֹי זִיךְ אוֹיפְצוּפִירְן מִיט גוּטֶע מִדוֹת.

## אַ דֶערְמַאנוּנְג נָאכְאַמָאל צוּ רֶעדְן דֶערְפוּן

אוֹיבּ מֶען הֶערְט צוּרִיק אַז צְוֵויי קִינְדֶער הָאבְּן זִיךְ בַּאהַאלְטְן אִין אַ ווִינְקְל, צוּם בֵּיישְׁפִּיל אוֹיפְן בָּאס, אוּן זִיךְ גֶעשְׁפִּילְט נִישְׁט אֵיידְל, זָאל מֶען נִישְׁט טְרַאכְטְן: 'אִיךְ הָאבּ דָאךְ שׁוֹין גֶערֶעדְט צוּ דִי קִינְדֶער פוּן זַיין אֵיידְל אוּן צְנִיעוּת'דִיג, זֶעט אוֹיס אַז אִיךְ טוֹיג נִישְׁט צוּ אַרְבֶּעטְן אִין חִינוּךְ'. מֶען וֶוערְט נִישְׁט אוֹיס מְלַמֵּד אוּן אוֹיס לֶערֶערִין וֶוען עֶס פַּאסִירְט אַזַא גֶעשֶׁעעֶנִישׁ מִיט קִינְדֶער, דָאס אִיז פָּשׁוּט אַ דֶערְמַאנוּנְג אַז מֶען הָאט שׁוֹין לַאנְג נִישְׁט גֶערֶעדְט פוּן דֶעם צוּ דִי קִינְדֶער אוּן מֶען דַארְף נָאכְאַמָאל זָאגְן פַאר דִי קִינְדֶער אַז מֶען מֶעג זִיךְ נָאר שְׁפִּילְן אֵיידְל אוּן צְנִיעוּת'דִיג.

## מֶען קֶען נִישְׁט אִיבֶּערְלָאזְן דִי קִינְדֶער פַאר אֵיין סֶעקוּנְדֶע

מְחַנְּכִים טָארְן נִישְׁט זָאגְן פַאר קִינְדֶער: **"אִיךְ זֶע אַז גֶעווִיסֶע קִינְדֶער פָאלְגְן מִיר נִישְׁט, זַיי הֶערְן מִיר נִישְׁט אוֹיס, דֶערִיבֶּער גֵיי אִיךְ אַרוֹיס פוּן כִּתָּה"**; דָאס אִיז נִישְׁט בַּארֶעכְטִיגְט צוּ זָאגְן, אֲפִילוּ אוֹיבּ מֶען מֵיינְט נָאר צוּ מַאכְן אַ שְׁפִּיל מִיט דִי קִינְדֶער פַאר אֵיין סֶעקוּנְדֶע.

קֵיינֶער מוּז נִישְׁט זַיין קַיין מְלַמֵּד אָדֶער לֶערֶערִין, אָבֶּער וֶוער עֶס הָאט דִי כֹּחוֹת דֶערְצוּ אוּן ווִיל הָאבְּן דִי זְכִיָּה צוּ לֶערְנֶען מִיט קִינְדֶער, דַארְף גֶעדֶענְקֶען אַז אַזוֹי זֶענֶען קִינְדֶער; קִינְדֶער פָאלְגְן נִישְׁט אוּן וֶוען מִיר זֶענֶען גֶעוֶוען קִינְדֶער הָאבְּן מִיר אוֹיךְ נִישְׁט גֶעפָאלְגְט.

## ווִי אַזוֹי צוּ אָפְּגֶעוואוֹינֶען אַ קִינְד פוּן גַנְבְ'עֶנֶען

אוֹיבּ עֶלְטֶערְן בַּאמֶערְקְן אַז אַ קִינְד הָאט גֶע'גַנֶבְ'עֶט גֶעלְט פוּן דִי לֶעדְל, דַארְף מֶען אוֹיסְפְּרֶעגְן דֶעם קִינְד: **"פוּן וואוּ הָאסְט דָאס גֶעלְט?"** אוּן זָאגְן: **"מֶען טָאר נִישְׁט גַנְבְ'עֶנֶען"**, אוֹיבּ גֵייט אַרִיבֶּער אַ וָואךְ אוּן מֶען טְרֶעפְט וַוייטֶער גֶעלְט בַּיים קִינְד וָואס קוּמְט פוּן דִי לֶעדְל, טָאר מֶען נִישְׁט וֶוערְן צֶעפַּאלְן אַז דָאס קִינְד פָאלְגְט וַוייטֶער נִישְׁט, נָאר מֶען דַארְף פוּן פְרִישׁ אִיבֶּערְזָאגְן פַארְן קִינְד אַז מֶען טָאר נִישְׁט גַנְבְ'עֶנֶען, בִּיז מֶען וֶועט פּוֹעֵלְ'ן בַּיים קִינְד זִיךְ אָפְּצוּגֶעוואוֹינֶען פוּן דֶעם שְׁוֶוערְן נִסָּיוֹן.

וואוֹיל אִיז פַאר מְחַנְּכִים וָואס וֶוערְן נִישְׁט פַארְוֵוייטָאגְט אַז דִי קִינְדֶער פִירְן זִיךְ נָאכְנִישְׁט אוֹיף ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, זַיי וֵוייסְן פוּן דֶעם יְסוֹד אַז מֶען דַארְף אִיבֶּערְזָאגְן אַ זַאךְ נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, וֶועלְן זַיי זַייעֶר שְׁטַארְק מַצְלִיחַ זַיין, אוּן וֶועלְן הָאבְּן כֹּחַ אַרַיינְצוּגֵיין צוּ דִי קִינְדֶער מִיט אַ פְרִישְׁקֵייט, נָאכְאַמָאל אִיבֶּערְזָאגְן אַלֶע שֵׁיינֶע לִימוּדִים פַאר דִי קִינְדֶער, וַוייל זַיי וֵוייסְן בַּיי זִיךְ: 'אֲפִילוּ אִיךְ זֶע גָארְנִישְׁט וָואס אִיךְ טוּ אוֹיף בַּיי דִי קִינְדֶער מִיט אַלֶע מַיינֶע דְרָשׁוֹת אוּן דִיבּוּרִים, קְלוֹיבְּן זִיךְ אַלֶע דְרָשׁוֹת צוּזַאם, אוּן אֵיין טָאג וֶועט עֶס זִיכֶער פּוֹעֵלְ'ן בַּיי דִי קִינְדֶער'.

חִינוּךְ אָפְּטֵיילוּנְג
אוֹיף קוֹל בְּרֶסְלֶב
צו הערן אלע שיעורים אויף חינוך
פון דער ראש ישיבה שליט"א
אויף קול ברסלב
דרוקט: 1-2-4-2
- שמעו ותחי נפשכם -

## וִוי אַזוֹי אִיז מֶען מַסְבִּיר אֱמוּנָה פַאר קִינְדֶער?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי שִׁיעוּרִים אוּן בְּרִיוו וָואס שַׁיינֶען אוּן לַייכְטְן אוֹיף אוּנְזֶער לֶעבְּן.

אִיךְ פְּרוּבִּיר צוּ רֶעדְן כְּסֵדֶר צוּ מַיינֶע קִינְדֶער וֶועגְן אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה, אָבֶער מַיין אִינְגְל, צֶען יָאר אַלְט, אִיז גֶעקוּמֶען צוּ מִיר וֵויינֶען בַּיינַאכְט אַז פַאר עֶר לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע טְרַאכְט עֶר מָאדְנֶע זַאכְן, עֶר טְרַאכְט אַז וָואס עֶר גֵייט יֶעצְט זָאגְן אִין קְרִיאַת שְׁמַע אִיז נִישְׁט אֱמֶת חַס וְשָׁלוֹם, אוּן עֶס שְׁטֶערְט אִים.

וִוי אַזוֹי קֶען מֶען זָאגְן אוּן מַסְבִּיר זַיין פַאר אַ קִינְד אוֹיף זַיין שְׁפְּרַאךְ אַז יָא דָאס אִיז אֱמֶת אַז מִיר הָאבְּן אֵיין אֵיינְצִיגֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ג' פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, ל' שׁוֹבָבִי"ם, ט"ז שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

רֶעד מִיט דַיינֶע קִינְדֶער וָואס מֶער פוּן אֱמוּנָה – וֶועלְן זֵיי הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, וַוייל וִוי מֶער מֶען רֶעדְט פוּן אֱמוּנָה – וֶוערְט שְׁטֶערְקֶער אוּן שְׁטֶערְקֶער דִי אֱמוּנָה. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת אֱמוּנָה, סִימָן י): "אֱמוּנָה תּוֹלָה בְּפֶה שֶׁל אָדָם", אֱמוּנָה אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען אִינֶעם מוֹיל; דוּרְךְ רֶעדְן פוּן אֱמוּנָה – בַּאקוּמְט מֶען אֱמוּנָה. אַלֶע דִיבּוּרִים זָאלְן זַיין אֱמוּנָה.

עֶס אִיז גוּט אַז דַיין וַוייבּ זָאל מַאכְן חַלּוֹת לְכָבוֹד שַׁבָּת אוּן בַּיים אָפְּשֵׁיידְן חַלָּה זָאל זִי בֶּעטְן אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן הָאבְּן אֱמוּנָה. וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם חֵלֶק ב', סִימָן יד): "אִשָּׁה הַזְּהִירָה בְּחַלָּה", אַ פְרוֹי וָואס שֵׁיידְט אָפּ חַלָּה, "בָּנֶיהָ בַּעֲלֵי אֱמוּנָה", וֶועלְן אִירֶע קִינְדֶער הָאבְּן אֱמוּנָה.

דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דַיינֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן, צַדִּיקִים; דִי תְּפִילּוֹת וָואס עֶלְטֶערְן בֶּעטְן פַאר דִי קִינְדֶער אִיז דִי שְׁטֶערְקְסְטֶע סְגוּלָה פַאר גוּטֶע קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(קונטרס עצתו אמונה פרשת תרומה, תשפ"ג)

## וִוי אַזוֹי בַּארוּאִיגְט מֶען דִי קִינְדֶער וֶוען עֶס פְלִיעֶן רַאקֶעטְן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע זִיסֶע גֶעשְׁמַאקֶע שִׁיעוּרִים, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן אַסַאךְ כֹּחַ וַוייטֶער אָנְצוּגֵיין מִיט דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

אִיךְ וואוין אִין דָרוֹם אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וואו עֶס פְלִיעֶן אַסַאךְ מָאל אַרַיין רַאקֶעטְן פוּן דִי אַרַאבֶּער, אוּן מֶען דַארְף לוֹיפְן זִיךְ בַּאשִׁיצְן. דִי קִינְדֶער וֶוערְן זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן פַאר דֶעם, זֵיי הוֹיבְּן אָן פְרֶעגְן קַשְׁיוֹת פַארְוָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט דָאס פַאר אוּנְז, אוּן דָאס גְלַייכְן. וִוי אַזוֹי אִיז מֶען מְחַזֵּק דִי קִינְדֶער? וִוי אַזוֹי בַּארוּאִיגְט מֶען זֵיי? אוּן וִוי אַזוֹי בְּרֶענְגְט מֶען אַרַיין אִין זֵיי אַ קְלָארֶע אֱמוּנָה?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ב' פַּרְשַׁת בֹּא, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ שְׁבַט, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וֶוען עֶס פְלִיעֶן רַאקֶעטְן פוּן דִי אַרַאבֶּער דֶעמָאלְט אִיז שׁוֹין אַבִּיסְל שְׁפֶּעט צוּ בַּארוּאִיגְן קִינְדֶער וְכוּ'; דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג אַרַיין צוּ בְּרֶענְגֶען אֱמוּנָה אִין זִיךְ אוּן אִין דִי שְׁטוּבּ, אִיז דוּרְךְ רֶעדְן כְּסֵדֶר פוּן אֱמוּנָה. נָאךְ בֶּעפָאר עֶס פְלִיעֶן דִי רַאקֶעטְן וְכוּ', וֶוען עֶס אִיז אַלֶעס גוּט, אוּן אַלֶעס אִיז אִין בֶּעסְטְן אָרְדֶענוּנְג – דֶעמָאלְט דַארְף מֶען אַיינְפְלַאנְצְן אֱמוּנָה, נָאכְדֶעם וֶוען עֶס גֵייט אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע צַייטְן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ הָאט מֶען כֹּחַ זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן.

מֶען דַארְף אַסַאךְ רֶעדְן פוּן אֱמוּנָה בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ הָאבְּן אֱמוּנָה; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן מד): "הָאֱמוּנָה תּוֹלָה בְּפֶה שֶׁל אָדָם", אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים פט, ב): "אוֹדִיעַ אֱמוּנָתְךָ בְּפִי", דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט, מִיט מַיין מוֹיל דֶערְצֵייל אִיךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַז מֶען רֶעדְט פוּן אֱמוּנָה אִיז דָאס אַלֵיינְס אֱמוּנָה אוּן דָאס בְּרֶענְגְט מֶען זָאל הָאבְּן אֱמוּנָה. מֶען דַארְף שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוען מֶען קֶען נָאר זָאל מֶען דֶערְמַאנֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; מֶען פְרֶעגְט דִיר: "וֶועסְט קוּמֶען הַיינְט נַאכְט?" עֶנְטְפֶער נִישְׁט: "יָא", נָאר עֶנְטְפֶער: "מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף"; מֶען פְרֶעגְט דִיר: "וָואס מַאכְסְטוּ? וָואס הֶערְט זִיךְ?" עֶנְטְפֶער נִישְׁט: "גוּט", עֶנְטְפֶער: "בָּרוּךְ הַשֵּׁם, גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן", דָאס גֵייט אַרַיין צוּבִּיסְלִיךְ אִין זִיךְ, אִין דִי וַוייבּ אוּן אִין דִי קִינְדֶער, אַזוֹי פַאלְט אַוֶועק אַלֶע פְּחָדִים אוּן אַלֶע שְׁרֶעק.

רֶעד צוּ דַיינֶע קִינְדֶער וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ יוּנְג אוּן קְלֵיינְטְשִׁיג אַסַאךְ דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה, דוּרְכְדֶעם וֶועלְן זֵיי נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ אוֹיף דִי וֶועלְט. וַוארְט נִישְׁט זֵיי זָאלְן עֶלְטֶער וֶוערְן; מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז קְלֵיינֶע קִינְדֶער פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט, מֶען מֵיינְט אַז חִינוּךְ הֵייבְּט זִיךְ אָן מִיט גְרֶעסֶערֶע קִינְדֶער, מֶען שְׁפִּירְט נַארִישׁ צוּ רֶעדְן צוּ קְלֵיינֶע קִינְדֶער פוּן אֱמוּנָה וְכוּ'; עֶס אִיז אָבֶער נִישְׁט אַזוֹי, אַזוֹי וִוי מִיר וֵוייסְן דִי מַעֲשֶׂה אַז רֶבִּי נָתָן הָאט אַמָאל גֶעכַאפְּט אַ לַאנְגֶע שְׁמוּעֶס מִיט אַ קִינְד, הָאט מֶען גֶעפְרֶעגְט רֶבִּי נָתָן פַארְוָואס עֶר פַארְבְּרֶענְגְט צַייט מִיט אַ קִינְד, הָאט זִיךְ רֶבִּי נָתָן צוּפְלַאמְט אוּן גֶעזָאגְט מִיט אַ נִיגוּן: "אָט אִיז מֶען אַ קִינְד, אָט אִיז מֶען אַ בָּחוּר, אָט אִיז מֶען אַ אִינְגֶערְמַאן אוּן אָט פִירְט מֶען שׁוֹין צוּ דִי קְבוּרָה"; וִוי אֵיינֶער זָאגְט, 'וָואס זָאגְסְטוּ עֶר אִיז אַ קִינְד, אַ שָׁאד צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען צַייט מִיט אִים, מֶען גֶעבְּט זִיךְ אַ דְרֵיי אוּן מֶען אִיז שׁוֹין אַן אַלְטֶער אִיד', אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא קַמָּא צז:): "מַטְבֵּעַ שֶׁל אַבְרָהָם אָבִינוּ – זָקֵן וּזְקֵנָה מִצַּד אֶחָד, וּבָחוּר וּבְתוּלָה מִצַּד

# בְּרִיוו פוּן חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א

אחֵר״, אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעהַאט א מַטְבֵּעַ וָואס פוּן אֵיין זַייט אִיז גֶעוֶוען א בִּילְד פוּן א אִינְגְל מִיט א מֵיידְל אוּן פוּן די אַנְדֶערֶע זַייט אִיז גֶעוֶוען א בִּילְד פוּן אַן אַלְטֶער אִיד מִיט א אַלְטֶע אִידֶענֶע; מוֹהַרְאָ״ש זָאגְט אַז אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעלֶעבְּט מִיט די מַחְשָׁבָה: 'אָט אִיז מֶען א בָּחוּר אוּן אָט אִיז מֶען שׁוֹין אַן אַלְטֶער אִיד, אָט אִיז מֶען א מֵיידְל אוּן אָט אִיז מֶען אַן אַלְטֶע אִידֶענֶע'.

אַז מֶען ווִיל פוֹעֵל'ן בַּיי קִינְדֶער דַארְף מֶען רֶעדְן צוּ זֵיי ווֶען זֵיי זֶענֶען נָאךְ יוּנְג, דֶעמָאלְט אִיז א צַייט וָואס זֵיי זֶענֶען נָאךְ רֵיין, דֶעמָאלְט ווֶערְט אַרַיין גֶעקְרִיצְט די אֱמוּנָה אִין זֵיי, שְׁפֶּעטֶער ווֶען עֶס גֵייט אַרִיבֶּער שְׁווֶערֶע צַייטְן קוּמְט אַרוֹיס זֵייעֶר אֱמוּנָה אוּן זֵיי הָאבְּן נִישְׁט מוֹרָא פוּן קֵיין שׁוּם זַאךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט (יִרְמְיָהוּ יז, ז-ח): ״בָּרוּךְ הַגֶּבֶר אֲשֶׁר יִבְטַח בַּה' וְהָיָה ה' מִבְטַחוֹ״, וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן ווֶעט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נִישְׁט פַארְלָאזְן, ״וְהָיָה כְּעֵץ שָׁתוּל עַל מַיִם״, דֶער אִיז גְלַייךְ צוּ א בּוֹים וָואס אִיז אַיינְגֶעפְלַאנְצְט נֶעבְּן וַואסֶער, ״וְעַל יוּבַל יְשַׁלַּח שָׁרָשָׁיו״, עֶר אִיז ווִי א בּוֹים וָואס די ווָארְצְלֶען זֶענֶען אַיינְגֶעטִינְקֶען אִין וַואסֶער, ״וְלֹא יִרְאֶה כִּי יָבֹא חֹם״, עֶס ווֶעט אִים נִישְׁט שַׁאטְן קֵיין הֵייסֶע טֶעג, ״וְהָיָה עָלֵהוּ רַעֲנָן״, די בְּלֶעטֶער הַאלְטְן זִיךְ שְׁטֶענְדִיג פְרִישׁ, ״וּבִשְׁנַת בַּצֹּרֶת לֹא יִדְאָג״, ווֶען עֶס אִיז דָא א טְרִיקֶענִישׁ ווֶעט עֶר נִישְׁט זָארְגְן, ״וְלֹא יָמִישׁ מֵעֲשׂוֹת פֶּרִי״, עֶר ווֶעט שְׁטֶענְדִיג אַרוֹיסְגֶעבְּן פֵיינֶע פְרוּכְט, אַזוֹי אִיז דֶער וָואס לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה אוּן פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, גָארְנִישְׁט ווֶעט אִים נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס רֶעדְט פוּן אֱמוּנָה אוּן פְלַאנְצְט דָאס אַיין אִין זַיינֶע קִינְדֶער, ווֶעט עֶר זֶען שֵׁיינֶע לִיכְטִיגֶע דוֹרוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(קונטרס עצתו אמונה פרשת בא, תש״פ)

## ווי אַזוֹי בַּארוּאִיגְט אִיךְ מַיינֶע גְרוֹיסֶע פְּחָדִים?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א,

אִיךְ ווָאוין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן יֶעצְט אִיז דָא א גֶעפֶערְלִיכֶע פַּחַד, עֶס הֶערְט נִישְׁט אוֹיף צוּ פְלִיעֶן רַאקֶעטְן, אוּן מֶען דַארְף כְּסֵדֶר לוֹיפְן זִיךְ בַּאהַאלְטְן אִין שׁוּץ פְלֶעצֶער, אוּן דָאס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁווֶער.

אִיךְ הָאבּ אַלֶץ גֶעלִיטְן פוּן פְּחָדִים, אָבֶּער יֶעצְט אִיז עֶס גֶעוָוארְן פִיל שְׁווֶערֶער, אִיךְ קֶען מַמָּשׁ נִישְׁט שְׁלָאפְן בַּיינַאכְט, אִיךְ פְּרוּבִּיר צוּ גֶעבְּן צְדָקָה, רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן גְלֵייבְּן אַז אַלֶעס פִּירְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נָאר צוּם גוּטְן, אָבֶּער אִיךְ בִּין נָאכְאַלְץ פוּל מִיט פְּחָדִים אוּן שְׁרֶעק.

אֶפְשָׁר הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א אַן עֵצָה פַאר מִיר?

יִישַׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת בַּמִּדְבָּר, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ סִיוָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז א פַּחַד אוּן א שְׁרֶעק ווֶען מֶען הֶערְט די פַייפֶערְס פַייפְן אוּן מֶען הֶערְט ווִי עֶס פְלִיעֶן בָּאמְבֶּעס, עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁרֶעקֶעדִיג; מִיר אִין אַמֶעריקֶע וַוארְפְן זִיךְ פַאר שְׁרֶעק פוּן די שְׁרֶעקְלִיכֶע נַייעס אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, מִיר דַאוְונֶען אוּן בֶּעטְן פַאר אַלֶע אִידְן זֵיי זָאלְן זַיין אָפְּגֶעהִיטְן.

עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁווֶער אֲפִילוּ פַאר די וָואס הֶערְן נִישְׁט קֵיין נַייעס; אַז מֶען הֶערְט די פַייפֶערְס פַייפְן א גַאנְצְן טָאג אוּן א גַאנְצֶע נַאכְט, עֶס פְלִיעֶן הוּנְדֶערְטֶער רַאקֶעטְן, מֶען דַארְף לוֹיפְן מִיט די קִינְדֶער אִין די בּוּנְקֶערְס - דָאס אִיז זֵייעֶר שְׁווֶער.

אִיךְ קֶען דִיר שְׁרַייבְּן וָואס אִיךְ טוּ ווֶען אִיךְ ווֶער דֶערְשְׁרָאקְן, אִיךְ גֶעבּ זִיךְ אִיבֶּער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אִיךְ הֵייבּ אָן חַזֶרְ'ן מִיט מַיין מוֹיל אֱמוּנָה, אִיךְ זָאג צוּ מִיר הוֹיךְ אוֹיפְ'ן קוֹל: **״אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, גָארְנִישְׁט קֶען פַּאסִירְן מִיט מִיר נָאר אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֵייסְט, קֵיינֶער קֶען מִיר גָארְנִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן, קֵיינֶער קֶען מִיר גָארְנִישְׁט גוּטְס טוּן, נָאר אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט״**; די ווֶערְטֶער בַּארוּאִיגְן מִיר, אוּן אַז עֶס גֵייט אַרִיבֶּער א שְׁטִיק צַייט אוּן די פְּחָדִים לוֹיפְן מִיר נָאךְ, זָאג אִיךְ נָאכְאַמָאל די ווֶערְטֶער: **״קֵיינֶער קֶען מִיר גָארְנִישְׁט טוּן, עֶס קֶען נִישְׁט פַּאסִירְן מִיט מִיר קֵיין שׁוּם שְׁלֶעכְטְס, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הִיט מִיר, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט מִיר, בַּיי מִיר אוּן נֶעבְּן מִיר״**, די ווֶערְטֶער בַּארוּאִיגְן מִיר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(קונטרס עצתו אמונה פרשת בהעלותך, תשפ״א)

צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: chinuchgilyon@gmail.com

קול ברסלב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876